NEW YORK STATE | Department of Labor
WORKING FOR YOU

Division of Labor Standards
1220 Washington Ave., Bldg. 12
Albany, NY 12226

# אנווייזונגען פאר קליינע קלאגעס אדער ציווילע געריכט שריט

איר קענט אריינגעבן קלאגעס פאר אומבאצאלטע געהאלט, געהאלט סופלעמענטס, אווערטיים באצאלט, שאדן, א.ד.ג. אין די קליינע קלאגעס געריכט.

דער קליינע קלאגעס געריכט איז אן אומפארמאלע געריכט וואו מענטשן קענען אנקלאגן אן קיין אדוואקאט, בלויז פאר געלט. איר קענט אנקלאגן ביז $3,000 אין טאון אדער ווילעדזש געריכטן, און $5,000 אין סיטי געריכטן. אויב אייער קלאגע איז מער ווי $3,000, אדער $5,000, קענט איר עס נישט צוטיילן צו צוויי אדער מער קלאגעס כדי צו פארמיידן פון גיין איבער די מאקסימום. אויב אייער קלאגע איז מער ווי די מאקסימום, קענט איר אנקלאגן אין ציווילע געריכט.

עס איז פארהאן א קליינע קלאגעס געריכט אין יעדע סיטי, טאון און ווילעדזש אין ניו יארק סטעיט.

צו איינגעבן א קלאגע מוזט איר אויספילן בויגנס און צושטעלן די ריכטיגע ביזנעס נאמען, לעגאלע נאמען, און ביזנעס אדרעס. א קאונטי קלערק'ס אפיס קען אייך העלפן טרעפן די ביזנעס לעגאלע נאמען. איר וועט דארפן צאלן א מאקסימום $20.00 פיילינג פרייז, געווענדן אויפן סומע פון אייער קלאגע, אדער וואו איר וואוינט.

אויב דארפט איר א דאלמעטשער, קען דער געריכט עס צושטעלן אומזיסט.

**אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, פארבינדט אייך מיט די פאלגנדע געריכט אפיסעס:**

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| Bronx County | .851 Grand Concourse | Bronx | 10451 | NY | (718) 618-2517 |
| Kings County | .141 Livingston St. | Brooklyn | 11201 | NY | (347) 404-9021 |
| New York County | | | | | |
| Harlem | .170 East 121 St | New York | 10035 | NY | (212) 828-7588 |
| Manhattan | .111 Centre St | New York | 10013 | NY | (646) 386-5484 |
| Queens County | .89-17 Sutphin Blvd. | Jamaica | 11435 | NY | (718) 262-7123 |
| Richmond County | .927 Castleton Ave | Staten Island | 10310 | NY | (718) 675-8460 |

**אויב איר וואוינט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי:**

באזוכט די געריכט טרעפער אויפ'ן ניו יארק געריכטן וועבזייטל: www.nycourts.gov. רופט אייער לאקאלע געריכט פאר אינפארמאציע וועגן איינגעבן א קלאגע.

איר קענט טרעפן די פאלגנדע אינפארמאציע וועגן קליינע געריכטן אדער ציווילע געריכט שריט אויף די ניו יארק סטעיט יוניפייד **געריכט סיסטעם** וועבזייטל:

- איינגעבן א קלאגע
- אנגרייטן אייער קעיס
- די געריכט
- אפנעמען לויטן אורטייל

גייט צו www.nycourts.gov און זוכט די אויסגאבעס:

- *קליינע קלאגעס האנטבוך; סיטי, טאון & ווילידזש געריכטן*
- *קליינע קלאגעס האנטבוך אנווייזער; ניו יארק סיטי, נאסאו און סופאלק קאונטיס*

ווענדט זיי וועלכע אנדערע פראגעס צו די ניו יארק סטעיט יוניפייד געריכט סיסטעם אויף 1-800-CourtNY (800) 268-7869 אדער mailto:question@nycourts.gov.